בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

**קל"א**

יו"ל: ט' שבט ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה"ק:** 02.560.7387
**ארה"ב:** 646.585.2985
**ענגלאנד:** 0330.390.0487
**בעלגיע:** 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #131**

# תוכן השיעור

**ארויסטרייבן דעם 'רוח'**

**"לא יהיה 'בך' א-ל זר"**

**יעדע רגע אין א סכנה**

**דער סימן פון א צדיק אמת**

**אליהו זאל שטיין ביים טיר און נישט קענען ארייגגיין...**

**גודל מידת הענוות של רבי נתן**

**האבן גאוה פון זיין אייגענע לויה...**

**"וְיָסְפוּ עֲנָוִים בַּה' שִׂמְחָה"**

**ווינציגער גאות**

**"וְהָיְתָה לַה' הַמְּלוּכָה"**

**געפעלט אַן אות פון זיין נאמען**

**"באיזה מדריגה נמוכה שהוא"**

**פארשעמט דעם בעל תפילה פאר 'כל נדרי'**

**דעם איבערשטנ'ס אונטערשריפט**

**דער איבערשטער איז מיר גענוג!**

# פרשת ויקהל (ח"א)

שנת תשל"ו

(טייפ מס' 147#)

## ארויסטרייבן דעם 'רוח'

[שיחה על-פי ליקוטי מוהר"ן מאמר י', חסרה ההתחלה]

"וְהָעֵצָה הַיְעוּצָה לְבַטֵּל הַגַּאֲוָה, שֶׁהִיא הָעֲבוֹדָה זָרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי טז): 'תּוֹעֲבַת ה' כָּל גְּבַהּ לֵב' (כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה סוֹטָה ד:), הָעִקָּר הוּא עַל יְדֵי הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיקִים, כַּמּוּבָא בַּתִּקּוּנִים (תִּקּוּן כא, מח:): 'בִּתְרוּעָה דְּאִיהוּ רוּחָא, אִתְעֲבִיר אֵל אַחֵר'; וְצַדִּיק הוּא בְּחִינַת רוּחָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּמִדְבַּר כז): 'אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ', וְעַל יָדוֹ נִכְנָע רוּחַ גָּבוֹהַּ, אֵל אַחֵר, וְנַעֲשֶׂה מֵאַחֵר, אֶחָד, כִּי הוּא קוֹצָא דְּאוֹת ד' (תִּקּוּן כא, נה:), שֶׁמִּמֶּנּוּ אַרְבַּע רוּחוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְחֶזְקֵאל לז): 'כֹּה אָמַר ה' מֵאַרְבַּע רוּחוֹת בֹּאִי הָרוּחַ'. וְזֶה לְשׁוֹן תְּרוּעָה, לְשׁוֹן (תְּהִלִּים ב): 'תְּרֹעֵם בְּשֵׁבֶט בַּרְזֶל' (תִּקּוּן י"ח וְתִקּוּן כ"א), כִּי הוּא מְשַׁבֵּר רוּחַ גָּבוֹהַּ, אֵל אַחֵר, כְּפִירוֹת".

"העצה היעוצה" - די עצה פון אלע עצות צו מבטל זיין די גאוה, איז דורך התקרבות לצדיקים - אט דאס איז די עצה; מען האט געטראכט און געקלערט - (און מען איז צוגעקומען) אז אט דאס איז די עצה!

"תועבת ה' כל גבה לב". דאס ענין פון 'גבה לב' - פון גאוה אין הארץ, דאס איז א געוואלדיגע זאך. גאוה איז דאך נאר אין הארץ; מילא א זאך וואס איז א פעולה - איך דארף טוהן זאכן מיט די הענט, איז מיר גרינגער, ווייל - וועל איך נישט טוהן מיט די הענט. אדער אויב איך דארף גיין - וועל איך נישט גיין. אבער א זאך וואס איז נאר מחשבות שבלב - גאוה איז דאך אפילו ווען קיינער איז נישטא - ער זיצט ביי זיך אין

**שטוב און ער מאלט זיך אויס - 'דער' האלט פון אים, 'יענער' האלט פון אים - ער האט אזעלכע מחשבות פון גבהות, מוז מען דאך דערצו האבן עפעס א געוואלדיגן כח דאס צו מבטל זיין, דעריבער איז די עצה נאר דורך התקרבות לצדיקים!**

עס שטייט דאך אזעלכע לשונות אויף גאוה - געוואלדיגע לשונות שטייט: "כל המתגאה כאילו עובד עבודה זרה"[א], "אין אני והוא יכולין לדור יחד"[ב], "תועבת ה'" - אזעלכע געוואלדיגע לשונות, און עס איז דאך א 'לאו'[ג] - **איז דאך גאוה אזוי געוואלדיג!**

עס ווערט געבראכט אין תיקונים: "בתרועה דאיהו רוחא, **איתעביר אל אחר**". 'בתרועה' - דאס איז דאך אז מען גיט א בלאז, דאס איז דאך א רוח, דורך דעם גייט אוועק דער 'אל-אחר'. 'אל-אחר' איז 'עבודה זרה'. אז עס גייט נאר אריין עפעס א רוח אין דעם לב, א מין גבהות אין לב - יעדער איינער אין זיין ערך, מוז ער האבן עפעס אַן אנדער רוח בלב וואס זאל ארויסטרייבן דעם רוח בלב - אט דאס איז נאר דורך התקרבות לצדיקים, ווייל דער צדיק איז אַן "איש אשר רוח בו", וואס דורך אים גייט אריין עפעס א 'רוח בלב'.

דער צדיק איז אַן 'איש אשר רוח בו', א 'רוח שבלב', וואס ער גיט עפעס א גיי אריין אין הארץ און דארט טרייבט ער ארויס די גאוה וואס איז דא אין הארץ. **מען מוז האבן דעם רוח הצדיק וואס ער טרייבט ארויס די גאוה פון הארץ - אַן אנדערע עצה איז נישטא!**

---

[א] גמ' סוטה ד:

[ב] שם ה.

[ג] עיין גמ' סוטה דף ה' ע"א: אַזְהָרָה לְגַסֵּי הָרוּחַ מִנַּיִן? אָמַר רָבָא, אָמַר זְעִירִי, מֵהָכָא (ירמיה יג): "שִׁמְעוּ וְהַאֲזִינוּ אַל תִּגְבָּהוּ". רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק אָמַר מֵהָכָא (דברים ח): "וְרָם לְבָבֶךָ וְשָׁכַחְתָּ", וּכְתִיב (שם): "הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן תִּשְׁכַּח" גו', וְכִדְרַבִּי אָבִין אָמַר רַבִּי אִלְעַאי, דְּאָמַר רַבִּי אָבִין אָמַר רַבִּי אִלְעַאי, כָּל מָקוֹם שֶׁנֶּאֱמַר, "הִשָּׁמֵר", "פֶּן" וְ"אַל" אֵינוֹ אֶלָּא לֹא תַעֲשֶׂה.

דאס התקרבות צום צדיק איז אויך נאר א 'רוח שבלב' - א רוח שבלב וואס ליגט ביי אים אין הארץ - אט דאס איז דאך דער עיקר התקרבות![ד] ממילא קומט אוים, וואס מער מען טראכט פונעם צדיק, וואס מער מען ליגט אין דעם צדיק'ס עצות, אין זיינע ספרים, איז דא ביי אים מער דער רוח הצדיק.

דער רוח שבלב איז אזוי; איצטער איז דא דער רוח שבלב, און אט גייט ער אוועק פון מיר; צו האבן ביי זיך תמיד דעם 'רוח' כסדר, דארף מען זיין שטענדיג מקושר צום צדיק. אין דער רגע וואס מען האט שייכות מיט דעם צדיק, איז דא דער רוח שבלב וואס דורכדעם טרייבט מען טאקע אוועק די גאוה.

קיין אנדערע עצה איז נישטא - אט דאס איז די עצה!

"ועל ידו נכנע רוח גבוה, אל אחר" [- מען רופט עס אָן מיט אלע לשונות: 'רוח גבוה', 'אל אחר'], "און עס ווערט פון 'אחר', 'אחד'. פון דאנעט איז א געוואלדיגע התעוררות אז גאוה איז עבודה זרה, גאוה איז 'אל אחר', "לא יהיה בך אל זר".

## "לא יהיה 'בך' א-ל זר"

עס שטייט אין זוהר[ה], אויף צוויי זאכן גייט ארויף דער 'לא יהיה בך אל זר' - אויף כעס און אויף גאוה. דער פסוק זאגט: "אין דיר זאל נישט זיין קיין 'אל זר'"; ווער איז דער 'אל זר' אין דיר? זאגט דער זוהר הקדוש, דאס איז דער כעס און גאוה וואס ליגט אין דיר.

דער רבי זאגט דא, די 'עצה היעוצה' איז נאר דורך התקרבות צום צדיק. אז מען זאל אריינעמען דעם רוח הצדיק, גייט אוועק דער 'אל אחר', עס ווערט נכנע דער 'רוח גבוה', עס ווערט פון 'אחר', 'אחד'.

---

[ד] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קע"ו: **צָרִיךְ הָאָדָם לְמַהֵר מְאֹד לְגָרֵשׁ מִקִּרְבּוֹ הָרוּחַ שְׁטוּת, מַה שֶּׁלִּבּוֹ מָלֵא מֵרוּחַ שְׁטוּת הַדָּבוּק בּוֹ**, וְזֶה עַל יְדֵי שֶׁנִּתְקַשֵּׁר לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת, וְהִתְקַשְּׁרוּת הַיְנוּ אַהֲבַת נֶפֶשׁ מַה שֶּׁאוֹהֵב לְהַצַּדִּיק מְאֹד, **וְעַל יְדֵי זֶה נִכְלָל לִבּוֹ בְּלֵב הַצַּדִּיק.**

[ה] עיין זוהר פקודי רמ"ג ע"א; גמ' שבת קה:

אט דאס איז די סכנה פון גאוה; ווייל "אחר" איז א' ח' ר', און "אחד" איז א' ח' ד'. דער א' מיט דעם ח' (- פון אחר/אחד) זענען דאך גלייך, איז נאר דא דער קליינער חילוק פון דעם ד' ביז דעם ר' - דער רי"ש איז קאלעכיג און דער דל"ת איז מיט א קוץ; דער צדיק ער איז דער קוץ.

איך האב אמאל געהערט אז עס ווערט געבראכט[י], קו"ץ באטרעפט קצ"ו (196); און אחר איז מיט א ר', דאס איז צוויי הונדערט. וויפיל איז דער חילוק? נאר דער ד' (- 4 = 196 - 200). אח"ר איז מיט א ר', און קוץ איז קצ"ו; דער קוץ פון דעם אות ד' לאזט נישט עס זאל ווערן א ר'; מיט א ר' איז דאס שוין אחר.

דער צדיק ער איז דער קוץ דאות ד' וואס לאזט נישט עס זאל ווערן א ר' - עס זאל נאר זיין קצ"ו; ער איז דער קוץ דאות ד' וואס פון אים נעמען זיך די ד' רוחות, "מארבע רוחות בואי הרוח".

דער חילוק פון "אחד" ביז "אחר" איז נאר דער קוץ. א קוץ איז דאך א קלייניקייט. אט דאס איז די סכנה, ווייל אט איז דאס 'אחד', און אט איז דאס 'אחר'; אויב דער מענטש האט אין גערדאנק דעם אויבערשטן, ער טראכט פונעם אויבערשטן, ער איז מקושר, איז "אחד", אויב ער לאזט אפ דאס דאזיגע, איז שוין "אחר", איז ער ממש אין א סכנה.

---

[י] עיין בני ישׂשכר - מאמרי חודש אדר, מאמר ב', דרוש ח': בהבינך זה הוא הנרמז בפסוק וקוץ ודרדר תצמיח לך, דהנה תיבת אחד בתורה בפסוק היחוד [דברים ו ד] הוא ד' רבתי, וכן בפסוק כי לא תשתחוה לאל אחר [שמות לד יד] הרי"ש רבתי, כעין אותיות גדולות שכותבין לתינוק שאין לו דיעה שלימה בכדי שיהיה יכול להבחין החילוק שבין ד' לר', כמו כן נכתבו בתורה אלו האותיות רברבין, להורות שמאד צריך האדם לשקול בדעתו ולהסתכל בכל מעשיו אם מעשיו הם לדרכי היחוד או בהיפך ח"ו, וזהו שנאמר לאדם הראשון כאשר נתפתה לעץ הדעת טוב ורע, וקוץ ודרד"ר תצמיח לך, **היינו החילוק שבין ד' לר' הן בתמונה הן במספר היא קו"ץ**, בתמונה, הנה נוסף תמונת הד' על הר' הקוץ שלאחריו, ובמספר, הנה נוסף מספר ר' על הד' מנין קו"ץ, הנה אמר לו הש"י, כיון שנטית אחר עץ הדעת טוב ורע כבר נתערבב הדעת ויוכל לטעות ח"ו בין אחד וכו' היינו בין ד' לר', וזהו וקוץ ודרדר וכו', כבר תוכל לטעות ח"ו בין ד' לר' ובין ר' לד', אשר ישתנו זה מזה בקו"ץ בתמונה ובמספר.

# יעדע רגע אין א סכנה

דער דגל ברענגט[ז]: דער בעל שם הקדוש האט אים געהאלטן אויף דער שוים פרייטאג צו נאכטס, און דער בעל שם הקדוש האט אזוי גערעדט צו די חברייא: "עס איז דא איינער וואס ער הערט תורה 'לא מפי מלאך ולא מפי שרף', נאר 'מפי קודשא בריך הוא בעצמו', און ער איז יעדע רגע אין א סכנה ער זאל נישט ארייפאלן אין 'נוקבא דתהומא רבא'!" - ער איז יעדע רגע אין א סכנה! דאס איז (תלוי) אין דעם קוץ, אין דעם ביסעלע!

די סכנה פון די צדיקים איז דאך א געוואלדיגע זאך; עס איז א געוואלד ביי וואספארא השגות ער האלט - ער האלט דאך ביי 'עץ החיים', עס איז עפעס א געוואלד ביי וואס זיי האלטן, און אז דער בעל דבר זעהט אז ער האט נישט קיין שום זאך צו זיי, זיי זענען ווייט פון אלע תאוות, פון אלע תענוגים, קיין שום זאך קען נישט צו זיי צו טרעטן - איין זאך וויל ער אין זיי אריינברענגען - אז זיי זענען גרויס! - און זיי זענען טאקע גרויס - געוואלדיג גרויס, אפילו די מלאכים און שרפים ציטערן פאר זיי! נאר דעם וועג האט ער - אריינצוברענגען אין זיי עפעס א מין גבהות, דערמיט באגראבט ער זיי אינגאנצן!

ביי אזעלכע מענטשן, אנשים כערכינו, האט ער אנדערע גענג - תאוות, כעס, מיט נאך זאכענישן; אבער ביי זיי האט ער נישט קיין אנדערע זאך - נאר דאס, ווייל דאס איז אזא מין קלייניקייט וואס נאר איין ריר פון א רוח גבוה - -

מה-דאך ביי זיי, כל שכן ביי אונז...

---

[ז] עיין "דגל מחנה אפרים" - ליקוטים, בסופו: "עוד פעם אחת שמעתי ממנו בליל שבת שאמר אלי בתוך אשר ביאר פסוק (דברים ל', י"ב) 'מי יעלה לנו השמימה' וחיבק ונישק אותי ואמר שהם ראשי תיבות מיל"ה וסופי תיבות הוי"ה, ואמר בזה הלשון: **דא שווער איך אייך שיש איש בעולם ששומע תורה מפי קודשא בריך הוא ושכינתיה לא מפי מלאך ולא מפי וכו' ואינו מאמין עצמו שלא ידחה מאת הקב"ה ח"ו כי בקל יכול לדחות לנוקבא דתהומא רבה!** וסמך על פסוק (שם) לא בשמים הוא ולא מעבר לים ה' יקרב אותנו בימין צדקו".

# דער סימן פון א צדיק אמת

ר׳ יצחק - דער טירהאוויצער מגיד׳ס איידעם, איז געוועזן א יתום, איז ער מגודל געווארן ביי דעם רבי׳ן ר׳ זושא אין שטוב. ר׳ זושא איז שוין געוועזן א זקן פון עטליכע און אכציג יאר - ער איז געוועזן עלטער פון דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך - ער האט געלעבט דרייצן יאר נאך דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך. דער רבי ר׳ אלימלך איז נפטר געווארן תקמ״ז, און דער רבי ר׳ זושא איז נפטר געווארן תק״ס. געווענטליך (- פארשטייט זיך) אז דער רבי ר׳ זושא האט געלעבט, איז ר׳ יצחק געוועזן מקורב צום רבי׳ן ר׳ זושא, ער האט אים מגדל געוועזן.

איידער דער רבי ר׳ זושא איז נפטר געווארן, האט ר׳ יצחק אים געפרעגט: ״צו וועמען זאל איך זיך מקרב זיין?״, האט ער אים געזאגט צוויי זאכן; איינמאל האט ער אים געזאגט: ״אז דו וועסט אריינקומען צו א צדיק און ער וועט דיר גלייך הייסן האבן ׳וידוי דברים׳ - זאלסטו דארטן בלייבן!״. און נאך האט ער אים געזאגט: ״אז דו וועסט פרעגן אַן עצה אויף גאוה און מען וועט דיר זאגן אז קיין אנדערע עצה איז נישטא נאר גאט בעטן - דארטן זאלסטו בלייבן!״.

אין דעם ענין פון גאוה איז טאקע דא נאר איין עצה - בעטן דעם אויבערשטן!

אויף גאוה דארף מען נאר אסאך בעטן דעם אויבערשטן! אין אלע עבודות וואס א מענטש טוהט, אז עס כאפט זיך נאר אריין עפעס א ׳רוח גבוה׳, איז דאס שוין ׳אל אחר׳! דאס איז דאך אזא מין קליפה וואס קען זיך אריינכאפן אין אלע עבודות; אז ער שטייט אויף ביינאכט, ער לערנט, ער האט התבודדות, דעמאלט איז ער דאך ווייט פון די תאוות, ער טוהט דאך עפעס אין אידישקייט, אבער דער ׳רוח גבוה׳ אליין, דאס קען אים - - אדרבה, דעמאלט איז דער זמן וואס דער יצר הרע לאקערט אויף אים, ווייל אז ער זעהט אז ער קען מיט אים גארנישט מאכן, זאל ער על כל פנים אריינפאלן אין עפעס א געדאנק פון גאוה.

## אליהו זאל שטיין ביים טיר און נישט קענען ארייגיין...

(ר' נחמן בורשטיין: דאכט זיך מיר, עס ווערט געבראכט אז פאר דעם בעל שם הקדוש'ס הסתלקות האט מען געהערט ווי ער זאגט די ווערטער: "אל תבואני רגל גאוה!") יא יא[ח].

מען זאגט אז דער בעל שם הקדוש האט אזוי געזאגט: "וויפיל דארף א מענטש הארעווען אז ער זאל זוכה זיין צו זעהן אליהו'ן אין חלום - 'אשרי מי שראה פניו בחלום'; און וויפיל דארף א מענטש הארעווען צו זעהן אליהו'ן בהקיץ - אז ער זאל האבן 'גילוי אליהו' איינמאל אין זיין לעבן צו עטליכע מאל אין לעבן; און וויפיל דארף א מענטש הארעווען אז אליהו זאל שטיין ביים טיר און ער זאל נישט קענען ארייגיין צו אים - און מיט איין מחשבה פון גאות ווערט ער דאס אלעם אָן!"...

דעם בעל שם הקדוש'ס רבי איז דאך געווען 'אחיה השילוני', און ער איז אויך געווען אליהו'ס רבי[ט]. ער איז אלע טאג געקומען צום בעל שם און געלערנט מיט אים. און אז ער איז געקומען צו אים האט אליהו נישט געקענט ארייגיין - אז דער רבי זיינער איז דארטן דא קען ער דאך נישט ארייגיין צו אים.

"וויפיל דארף א מענטש אויסהארעווען אז ער זאל קומען צו אזעלכע מדריגות אז אליהו זאל שטיין אינדרויסן און נישט קענען ארייגיין צו אים אין שטוב אריין! - און מיט איין מחשבה פון גיאות ווערט ער דאס אלעם אָן!".

---

[ח] עיין "נוצר חסד" (קאמארנא) על אבות פ"ד משנה ד', וז"ל: ומרן אלקי קודש הקדשים אור שבעת הימים רבינו הקדוש [וכו'] יצאה נשמתו בטהרה, ואמר: **אלקי, רבון כל העולמים** (תהלים לו) **"אל תבואני רגל גאוה"**, ובכך יצאה נשמתו של מרן הקדוש אלוהיי רבינו יצחק לוריא. ואמר בלשון שפניא, "שמרני מידי גאוה", כי אי אפשר להתחיל בשום עבודה אמיתית בעוד ששקע נפשו בגאוה וזדון לב, ולא יצא הטמא והכת הארורה מן הדת אלא על ידי גאוה וכעס. וקודם הסתלקות מרן הריב"ש זצ"ל אמר לתלמידיו שיכינו לעצמם רבי להאיר להם, כי הוא ילך לבית עולמו בשנה זאת, וזה היה בהושענא רבה אחר החתימה, ושאלוהו על איזה צדיק אם ידבקו נפשם אצלו, והם היו תלמידים בחורים צדיקים ועדיין לא שמשו כל צרכם, ואמר להם שיסעו אצלו וינסו אותו וישאלו לו שיתן להם עצה להסיר הגאוה, **אם יתן להם עצה אין בו ממש, ואם יאמר - ה' יעזור, אזי יקרבו נפשם אצלו כי צדיק גמור הוא** וכו' עכ"ל.

[ט] עיין גמ' בבא בתרא דף קכ"א ע"א, וברש"י שם ד"ה "קפלו את כל העולם".

ביים רבי'ן איז דאך אזוי, דער רבי זאגט דאך[י]: "**אין שום יאוש בעולם כלל!**". ווייל יעדע עצה וואס דער רבי גיט, איז זייער שווער דאס מקיים צו זיין, נאר מען הויבט אָן אביסעלע צו מקיים זיין, און נאכדעם - "אין שום יאוש" - האלט זיך ווייטער, נאכאמאל און נאכאמאל. (לענינינו,) מיר רעדן פון דעם ענין פון 'גבהות' - עס קריכט, אבער 'אין שום יאוש בעולם כלל', מען זאל נאכאמאל און נאכאמאל אריינעמען דעם 'רוח הצדיק', קיין אנדערע עצה איז נישטא - נאר התקרבות צום צדיק! מען איז דאך אין א געוואלדיגע סכנה - אחר-אחד - עס איז דען א קלייניקייט?! אט איז 'אחד' - אט איז 'אחר'; נעם איך נאר אריין דעם אויבערשטן אין געדאנק - איז שוין 'אחד'.

דאס זאגט טאקע דער פסוק[יא]: "אֹתִי עָזְבוּ מְקוֹר מַיִם חַיִּים". דער אויבערשטער זאגט, 'פארוואס לאזטו מיר אפ?! - טראכט פון מיר! מיר לאזטו אפ און דו נעמסט זיך "בֹּארֹת נִשְׁבָּרִים אֲשֶׁר לֹא יָכִלוּ הַמָּיִם" - צעבראכענע גריבער וואס וואַסער קען זיך דארטן נישט האלטן?!' דארף מען אסאך בעטן דעם אויבערשטן, און לערנען די ספרים, אט דאס איז דער רוח הצדיק! אזוי ווי דער רבי זאגט דא - 'התקרבות לצדיקים'; זיי וועלן דיר זאגן - 'בעט אסאך דעם אויבערשטן!'.

## גודל מידת הענייוות של רבי נתן

"כל הגדול מחבירו, יצרו גדול הימנו"[יב]. פראסט פשט איז, וואס איינער איז גרעסער - איז דער יצר הרע גרעסער. אבער דער רבי טייטשט[יג]: 'כל הגדול מחבירו', דאס מיינט מען - 'גיאות'; וואס ער האט מער גיאות, איז 'יצרו גדול' - דעמאלט איז דער יצר הרע פון פגם הברית ביי אים מערער. ווייל דער עיקר יצר הרע איז דאך אויף פגם הברית. קומט אוים, וואס ער האט מער גיאות, איז דער יצר הרע פון פגם הברית ביי אים מערער.

---

[י] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ח.

[יא] ירמי' ב, יג.

[יב] סוכה נב.

[יג] ליקוטי מוהר"ן סי' ק"ל: **כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ, שֶׁיֵּשׁ לוֹ גַּדְלוּת. יִצְרוֹ גָּדוֹל מִמֶּנּוּ, שֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרָע בְּתַאֲוַת נִאוּף, כִּי זֶה עִקַּר הַיֵּצֶר הָרָע**, כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר (וַיִּקְרָא דַּף טו:): 'עִקָּרָא דְּיִצְרָא בִּישָׁא לְגַלָּאָה עֲרָיִין'.

"גְּבַהּ עֵינַיִם וּרְחַב לֵבָב אֹתוֹ לֹא אוּכָל"[יד] - איך קען דאס נישט פארליידן; "אין אני והוא יכולין לדור יחד"[טו] - אזעלכע געוואלדיגע לשונות! און דאס איז דאך א זאך וואס קריכט כסדר.

אט דאס זאגט דער רבי דא: "'והעצה היעוצה' איז נאר דורך 'התקרבות לצדיקים'", ווייל זיי טרייבן ארויס דעם רוח - עס קומט אריין דער רוח הצדיק און טרייבט ארויס דעם 'רוח גבוה'. "תרועה" איז א לשון - 'צוברעכן'; ער איז משבר דעם 'רוח גבוה', דעם 'אל אחר', די 'כפירות'. 'גאוה' רופט זיך אָן - 'רוח גבוה', 'אל אחר', 'כפירות'.

דער יצר הרע קען אמאל אפלאזן א מענטש א שטיק צייט פון די תאוות כדי דער מענטש זאל מיינען אז ער האט דאך שוין אלעס אפגעלאזט, נאכדעם גיט ער אים א פאק אריין אין אַן ענין פון גאוה, און דורך די גאוה קען ער אים אזוי נעמען אז ער זאל זיך אומקערן צו אלע תאוות צוריק...

דאס איז א געוואלדיגער יסוד אין אידישקייט!

דעם רבי'נס זאך איז טאקע - נאר בעטן דעם אויבערשטן! נאר בעטן דעם אויבערשטן!

מען דארף דאך מרבה זיין בתורה ותפילה ומעשים טובים, עס איז דא אויף גאוה נאר איין עצה - נאר בעטן דעם אויבערשטן!

רבי נתן האט געזאגט טאקע: "די צדיקים וואס איך ווייס אז זיי זענען צדיקים, אויב זיי האבן אין זיך דעם לב נשבר וואס איך האב" - - האט ער אנגעכאפט 'לב נשבר'.

---

[יד] תהלים קא, ה.

[טו] גמ' סוטה ה.

רבי נתן איז אזוי פיל נכלל געווארן אין דעם רבי'ן, דער רוח הצדיק איז געווען אזוי פיל גרויס ביי אים, אז עס האט אזוי אפגעטוהן דעם רוח גבוה פון אים - אז ער איז געווארן אזוי 'לב נשבר' ביי זיך[טז].

(ר' נחמן: ווי אזוי האט רבי נתן אויסגעפירט?) **"איז ש"י עולמות פאר זיי קארג!". א טייל זאגן אז ער האט געזאגט:** ("וויים איך נישט) **וואו עס וועט זיך נעמען גן עדן פאר זיי!".**

רבי נתן האט דאך געזעהן מיט די אויגן אז זיינע ספרים זענען מקרב מענטשן צום אויבערשטן, די תפילות איז מקרב מענטשן צום אויבערשטן, ער האט דאך געזעהן אז עס קאכט זיך א התעוררות פון תשובה - עפעס א קלייניקייט?! און ער איז געווען אזוי בלב נשבר - נאר ער האט אריינגענומען דעם רוח הצדיק אין זיך; **"רָאוּנִי נְעָרִים וְנֶחְבָּאוּ!"**[יז].

דער רבי האט דאך אים משבח געווען ביים אנהויב התקרבות ווען ער איז נאר געווארן מקורב, דער רבי האט דעמאלט געזאגט צו ר' יצחק דעם מגיד'ס: **"דער יונגערמאן איז ביי זיך א שטיקל בלאטע!; הייס אים קויפן א קאפיקע בייגעלעך** (- וועט ער דיר קויפן!")[יח].

---

[טז] עיין פרפראות לחכמה על תורה ז' תניינא אות ל"ד: **כבר ידוע מעלת הענוה הקדושה שהיה להר"ר נתן ז"ל כידוע לכל יודעיו ומכיריו, וכאשר רבינו ז"ל בעצמו הפליג בשבחו בענין המדה זו של ענוה, וענוה גדולה מכולם.**

[יז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קל"ה: טֶבַע הַקַטְנוּת שֶׁיִתְבַּטֵל לְגַבֵּי הַגַּדְלוּת. **וְעַל כֵּן כְּשֶׁמְּקֹרָב לְהַצַּדִּיק נִתְבַּטֵּל הַגַּדְלוּת**, כִּי עַל יְדֵי אוֹר הַגָּדוֹל שֶׁל הַצַּדִּיק נִתְבַּטֵּל לְגַמְרֵי. וְהוּא בְּחִינַת (אִיּוֹב כט): **"רָאוּנִי נְעָרִים וְנֶחְבָּאוּ"**, הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁרוֹאִים פְּנֵי הַצַּדִּיק נֶחְבָּאִים הַקְטַנִּים, כִּי הַקַטְנוּת נִתְבַּטֵּל לִפְנֵי גַּדְלוּת.

[יח] עיין חיי מוהר"ן אות של"ח: גַּם בָּעִתִּים הַלָּלוּ סִפֵּר עִם הָרַב רַבִּי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה חֲתַן הָרַב הַמַּגִּיד זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מִטִּירְהאוֹוִיצֶע וְהִפְלִיג בְּשֶׁבַח מַעֲלַת הָרַב רַבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (וְרַבִּי יִצְחָק הַנַּ"ל לֹא רָאָה אוֹתוֹ וְלֹא הָיָה מַכִּירוֹ עֲדַיִן), וְאָז אָמַר לוֹ אִם תִּסְתַּכֵּל עָלָיו תִּרְאֶה בּוֹ שֶׁהוּא שְׁפַל בֶּרֶךְ כָּל כָּךְ עַד אֲשֶׁר הוּא כֶּעָפָר וָטִיט מַמָּשׁ (וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז, **דוּא זָאלְסְט אִים אָן קוּקְן - אִיז עֶר אַגְלַאט שְׁטִיקְל בְּלָאטֶע** וְכוּ'). וְכֵן הָיָה שֶׁהָלַךְ רַבִּי יִצְחָק הַנַּ"ל וּפָגַע בּוֹ שֶׁהוּא עוֹבֵר בַּשּׁוּק בִּזְרִיזוּת גָּדוֹל כְּדַרְכּוֹ, וּמְלֻבָּשׁ בְּמַלְבּוּשֵׁי כָבוֹד כְּדֶרֶךְ בְּנֵי הָעֲשִׁירִים, וְאַף עַל פִּי כֵן הִכִּיר בּוֹ מִיָּד כִּי זֶה הוּא הָאִישׁ אֲשֶׁר אָמַר עָלָיו רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁהוּא בְּעֵינֵי עַצְמוֹ כְּעָפָר וָטִיט מַמָּשׁ כַּנַּ"ל. עיין גם בשיש"ק (חדש) ח"ב, אות נ"ה.

# האבן גאוה פון זיין אייגענע לויה...

דער עיקר שבח פון א מענטשן איז, וואס דער מענטש איז ביי זיך מער צובראכן - אט דאס איז דער עיקר שבח, דעמאלט האבן אלע עבודות א שלימות! אלץ וואס ער טוהט האט א שלימות, עס איז מיט אַן אמת.

טאמער כאפט זיך אריין א גבהות, איז דאך ממש יעדע זאך אין א סכנה; אז ער לערנט, דארף ער לערנען (נאר לה')!

נאר וואס דען, מען זאל רעדן צום אויבערשטן, און ביים לערנען אליין זאל מען געבן נאכאמאל א קרעכץ צום אויבערשטן[יט] - אט דאס איז התקרבות לצדיקים, אט דאס איז 'התקרבות צום צדיק'! ווייל ער זאגט אז אויף דער זאך איז נאר (שייך צו) 'בעטן דעם אויבערשטן און כסדר לויפן צום אויבערשטן!' גיב ארויס דיין געדאנק אז דו ווילסט דאס נישט; אז דער אויבערשטער האט דאס פיינט - דארף איך עס דאך אויך פיינט האבן! - נאר רעדן די אלע לשונות.

ער (- הבעל דבר) לאזט נישט אפ! דער רבי האט דאך געזאגט: "א מת קען האבן גאוה פון א שיינע לויה!"... - ער לאזט נישט אפ די גבהות אפילו ביז דער לעצטער רגע - 'עד זיבולא בתרייתא' ווייסט נאך דער מת וואס עס טוהט זיך דא - קען ער האבן גאוה פון א שיינע לויה[כ].

א מת - אפילו ער ליגט שוין דארטן וואו ער ליגט, קען ער דארטן פילן א שיינע לויה - עס גייען נאך אסאך מענטשן... דערצו טאמער מאכט מען נאך הספדים מיט די שבחים מיט די מעשה'ס... עס איז אזא מין סכנה דאס!

---

[יט] עיין צוואת הריב"ש אות כ"ט: **וכשלומד צריך לנוח מעט בכל שעה כדי לדבק עצמו בו ית'**. גם עיין שם אות נ"ד: **כשלומד צריך ליישב עצמו לפני מי הוא לומד שלפעמים מתרחק עצמו בלימודו מהבורא ית' לכך צריך ליישב עצמו בכל עת ובכל שעה.**

[כ] עיין גמ' שבת דף קנ"ב ע"ב: אָמַר רַבִּי אַבָּהוּ, **כֹּל שֶׁאוֹמְרִים בִּפְנֵי הַמֵּת - יוֹדֵעַ, עַד שֶׁיִּסָּתֵם הַגּוֹלֵל**, וכו' עיין עוד שם.

דער רבי, אין די מעשה פון דעם בעל תפילה פון די כיתה וואס האט געוואלט כבוד - ברענגט ער טאקע דארטן[כא] - אפילו א מת וויל אויך כבוד, (ווייל מען זאגט אים:) "וואס מען טוהט דיר, טוהט מען אלץ פון דיין כבוד וועגן!"...

אז א מענטש ווערט אלט, איז די טבעיות אזוי אז ער קען נישט אזוי פיל שלאפן, ער קען נישט אזוי פיל עסן, אבער די זאך פון גבהות לב דאס איז נאך דא, אדרבה, עס קען נאך ביי אים אריינגיין אין געדאנק - 'די תורה הייסט דאך מיר אפגעבן כבוד', די תורה זאגט דאך מען זאל מכבד זיין א זקן, "וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן"[כב] - דאס ווערט נישט בטל 'עד זיבולא בתרייתא'.

אט דאס איז טאקע דער שלימות פון א מענטשן, וואס אז מען ווייסט דערפון דארף מען טאקע כסדר בעטן דעם אויבערשטן דערויף - ווען מען גייט נאר טוהן עפעס א זאך - אפילו אינמיטן לערנען!

דאס איז שייך אפילו ביי יונגע בחורים; אז א בחור האט א גוטן קאפ צו לערנען, א גוטע תפיסה, א גוטער זכרון, און ער איז נאך דער בעסטער פון די כיתה, איז ער אין א סכנה איינגאנצן מיט זיין גבהות - און אזוי ווייטער און ווייטער; עס הויבט זיך אָן פון אלס קליין קינד - און עס לאזט זיך אויס ביי אַן אלטן איד - עס לאזט זיך קיינמאל נישט אויס.

---

[כא] וזל"ש: אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז כָּבוֹד. וָואוּרִין מִיר זֶעהְן זִיךְ אַז כָּבוֹד אִיז דֶער עִיקָר בַּיי דֶער וֶועלְט. וָואוּרִין אַז מֶען גִיט נִיט אָפּ דֶעם מֶענְשְׁן זַיין כָּבוֹד, דְהַיינוּ, אַז מֶע רֶעדט אִים עֶפֶּעס אַ וָואוּרְט אַקֶעגִין זַיין כָּבוֹד, הָאט עֶר שְׁפִיכוּת דָמִים, וָואוּרִין דֶער עִיקָר אִיז דֶער כָּבוֹד בַּיי גָאר דֶער וֶועלְט. אוּן נָאךְ דֶעם טוֹיט הִיט מֶען אוֹיךְ אָפּ אַז מֶען זָאל אָפְּגִיבִּין דֶעם מֵת זַיין כָּבוֹד - אַז מֶען זָאל אִים מְקַבֵּר זַיין מִיט כָּבוֹד אוּן דֶעסְט גְלַייכִין, (אוּן מֶען זָאגְט אִים, וָואס מֶע טוּט דִיר טוּט מֶען דִיר אַלְץ פוּן דַיין כָּבוֹד וֶועגִין), חָאטְשֶׁע נָאךְ דֶעם טוֹיט וִויל מֶען שׁוֹין נִיט קֵיין גֶעלְט, אוּן דֶער מֵת גְלוּסְט שׁוֹין בְּוַודַאי נִיט קֵיין שׁוּם זַאךְ. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט, אוֹיף דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶעם מֵת אִיז מֶען מַקְפִּיד, אוּן מֶע הִיט אִים אָפּ זַיין כָּבוֹד. נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער כָּבוֹד דֶער עִיקָר תַּכְלִית.

[כב] ויקרא יט, לב.

# "וְיָסְפוּ עֲנָוִים בַּה' שִׂמְחָה"

**ברוך השם אז מען ווערט אנגערופן אויף זיין נאמען, הייסט דאך עם 'התקרבות (לצדיק)', איז טאקע דא דער כח אז מען זאל דאס קענען מבטל זיין! און טאמער איז מען דאס מבטל אויף אביסל, איז שפעטער זיך נאכאמאל (מתגבר הנסיון)! דער עיקר מלחמה וואס איז ביז דער לעצטער רגע, איז נאר פון די גבהות!**

**אט דאס איז דער שלימות פון יעדע זאך - אויב ער איז ביי זיך שפל און צובראכן. כאטש דער רבי הייסט דאך זיין פרייליך - פרייליך און גבהות דאס איז איינס דער היפך פון דעם אנדערן![כג] א מענטש וואס האט אין זיך גבהות, דעם מענטש איז קיינמאל נישט גוט, ווארום דער וואס איז א 'רודף אחר כבוד', איז דער 'כבוד בורח ממנו'[כד] - דער כבוד אנטלויפט דאך פון אים! ער וויל עס - און ער האט עס נישט! דער עיקר שמחה איז נאר אז מען פריידט זיך מיטן אויבערשטן[כה], דעמאלט האט ער הסתפקות, ער וויל זיך נישט אויסווייזן פאר קיינעם, איך וויל נישט קיינעם געפעלן, נאר דעם אויבערשטן אליין, דעמאלט קען זיין א שמחה! קיין שום זאך וועט אים נישט**

---

[כג] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הודאה ה"ו, אות ל': וְכָל שִׂמְחָתָם שֶׁל הַצַּדִּיקִים הוּא עַל יְדֵי קַטְנוּת וְשִׁפְלוּת וַעֲנָוָה דַּיְקָא, בִּבְחִינַת **וְיָסְפוּ עֲנָוִים בַּה' שִׂמְחָה וְאֶבְיוֹנֵי אָדָם בִּקְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל יָגִילוּ**, כִּי הָעוֹבְדֵי כּוֹכָבִים וְהָרְשָׁעִים הַכְּרוּכִים אַחַר הָעוֹלָם הַזֶּה כָּל שִׂמְחָתָם הִיא רַק עַל יְדֵי גַּאֲוָה וְגַדְלוּת, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁמַּשִּׂיגִין אֵיזֶה עֲשִׁירוּת אוֹ כָּבוֹד וּגְדֻלָּה הֵם מִתְנַשְּׂאִים בְּעַצְמָן וּשְׂמֵחִים בָּזֶה. **וְעַל כֵּן בֶּאֱמֶת אֵין שִׂמְחָתָם שִׂמְחָה כְּלָל**, כִּי שִׂמְחָתָם מְעֻרְבֶּבֶת תָּמִיד בִּבְחִינַת לִשְׂחֹק אָמַרְתִּי מְהוֹלָל וּלְשִׂמְחָה מַה זּוֹ עוֹשָׂה, כִּי בֶּאֱמֶת בְּעִסְקֵי עוֹלָם הַזֶּה אֵין שׁוּם שִׂמְחָה כְּלָל, וְעַל כֵּן נִקְרָא כָּל שִׂמְחָתָם שְׂחוֹק הַכְּסִיל שֶׁהִיא עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר וּמוּבָא בְּהַתּוֹרָה צִוִּיתָ צֶדֶק (בְּסִימָן כג), כִּי אַחֲרִית שִׂמְחָה תוּגָה, כִּי מֵאַחַר שֶׁכָּל שִׂמְחָתוֹ הִוא תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶּה שֶׁמִּתְגָּאֶה בְּעָשְׁרוֹ וְכַיּוֹצֵא, בְּוַדַּאי אֵין זֶה שִׂמְחָה כְּלָל, עכ"ל, ועיין עוד שם.

[כד] עיין גמ' עירובין דף יג:

[כה] עיין ליקוטי הלכות הל' פריה ורביה ה"ג, אות כ"ג: וְזֶהוּ בְּחִינַת מַה שֶּׁמְּבֹאָר בִּפְסוּקִים מֵהַפְלָגַת הַשִּׂמְחָה בּוֹ יִתְבָּרַךְ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "שִׂמְחוּ בַה' וְגִילוּ צַדִּיקִים וְכוּ'". וּכְתִיב, "שִׂמְחוּ צַדִּיקִים בַּה' אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה'". וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה הַרְבֵּה בְּסֵפֶר תְּהִלִּים וְכֵן בְּסֵפֶר יְשַׁעְיָה וּבִשְׁאָר הַסְּפָרִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ בַּה' תָּגֵל נַפְשִׁי בֵּאלֹקַי" וְכוּ'. וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה הַרְבֵּה שָׁם, וּכְתִיב, "וַאֲנִי בַּה' אֶעֱלוֹזָה אָגִילָה בֵּאלֹקֵי יִשְׁעִי וְכוּ'". וְלֶעָתִיד לָבוֹא שֶׁיִּתְגַּלֶּה אֱלֹקוּתוֹ וּמַלְכוּתוֹ לְעֵין כֹּל כְּתִיב, "ה' מָלָךְ תָּגֵל הָאָרֶץ יִשְׂמְחוּ אִיִּים רַבִּים וְגוֹ'", וּכְתִיב, "יִשְׂמְחוּ הַשָּׁמַיִם וְתָגֵל הָאָרֶץ וְיֹאמְרוּ בַגּוֹיִם ה' מָלָךְ נְהָרוֹת יִמְחֲאוּ כַף יַחַד הָרִים יְרַנֵּנוּ וְכוּ'". וְכֵן מְבֹאָר בִּפְסוּקִים הַרְבֵּה מְאֹד מְאֹד, **כִּי עִקַּר הַשִּׂמְחָה הָאֲמִתִּית הִוא מַה שֶּׁזּוֹכִין לֵידַע מֵהַבּוֹרֵא הַכֹּל יִתְבָּרַךְ עַל יְדֵי הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁקִּבַּלְנוּ מֵאֲבוֹתֵינוּ עַל יְדֵי הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה** וְכַנַּ"ל.

מונע זיין דער זאך וואס ער וויל, ער וויל דאך נישט פון יענעם קיין זאך, ער וויל דאך נאר זיין גאנץ מיטן אויבערשטן!

## ווינציגער גאות

ר׳ נחמן נעמיראווער[כו] פלעגט דאך בלייבן אויף יום כיפור (אין אומאן). און ר׳ אברהם (שטערנהארץ) איז אוועקגעפארן קיין טשעהרין. געווענטליך (- פארשטייט זיך) זיין דאווענען יום כיפור איז געווען גאר עפעס - - נאך העכער ווי ראש השנה. און יום כיפור - אזוי פלעגט מען נישט מאכן קיין באזונדערן מנין, נאר די ליינען האט ר׳ נחמן געליינט אין א צימער (- בית שני), און ער פלעגט האבן מפטיר - ער האט געהאט א יארצייט צו וואס - איך וויים נישט.

איז געווען אמאל א יום כיפור, האבן מיר געהערט פון שול ווי ר׳ נחמן זאגט די ברכות - און ער איז הייזעריג. עס איז פאר מוסף - און ער איז הייזעריג... איך געדענק נאך יענעם יאר יום כיפור; ער איז געווען א מנגן, ער איז צוגעגאנגען, ער האט זיך נישט געריסן (הקול), ער האט געזאגט דעם "הנני העני ממעש" - הייזעריג, ביז ער איז געקומען צו די עבודה, דעמאלט איז ער ארויס מיטן קול און ער האט געדאווענט אזוי ווי מען דארף דאווענען.

**האט רבי אברהם ר׳ נחמן׳ס איבערגערעדט אויף דער נאכט צומארגנס: "איך האב געהערט ווי דער חזן זאגט (הברכות) - ער איז הייזעריג, האב איך זיך מיישב געווען - ווינציגער גיאות!". זאג איך אים: "רבי אברהם, וואס זאגט איר? ר׳ נחמן?!"[כז].**

**דער דיבור איז א דיבור!**

---

[כו] ב"ר דוד צבי ב"ר שכנא בן מוהרנ"ת.

[כז] עיין ההמשך בשיש"ק (חדש) ח"ב תרנ"א: כששמע ר׳ לוי יצחק את הדברים האלה יוצאים מפיו, אמר לו: "רבי אברהם, עד כדי כך?!" - (כי ידע בגדולתו ובמעלתו של רבי נחמן, שהיה גדול מאד, וכפי שהעריכו אף רבי אברהם מאד); השיב לו רבי אברהם בן רבי נחמן בעצב ובקול עמוק: **"יא, יא, איר ווייסט דעם כוח פון דעם בעל דבר אין דעם עולם?!"...**

רבי אברהם איז דאך שוין נישטא אכט און פופציג יאר, און דער דיבור איז נאך גערעדט געווארן פריער - דער דיבור איז שוין אלט זעכציג יאר, אבער דעם דיבור געדענקט זיך!

דער ר' נחמן איז געווען א הויכער סארט מענטש!

ר' אבא (ב"ר יחיאל לישינסקי[כח]) איז געווען אמאל ביי אים אויף א שבת, האט ער געזאגט: "עס איז מיר געווען קשה, ווי קומט א מענטש א מזכיר אין א סקלאד (-סעקרעטאר אין א מאגאזין) **פון ברעטער - און ער האט אזוי געשמאק געדאווענט; פון וואנעט קומט אז אזא מענטש זאל אזוי געשמאק דאווענען? אבער אז איך האב געזעהן דעם שבת - האב איך שוין געזעהן!"...** ער האט מיר דערציילט דארטן אז ער האט געזעהן פון דעם שבת ווער ער איז...[כט]

זיין דאווענען איז געווען אזא מין געשמאקייט, אזא מין נעימות! מען האט געזעהן פון זיין דאווענען אז ער איז א גרויסער ערליכער איד!

איך האב געהאלטן זייער פון ר' נחמן'ען, אבער וואס ווייסטו וואס ווי די גאוה קריכט.

האט ער א זאג געגעבן: "האב איך זיך מיישב געווען - וועט ער האבן ווינציגער גיאות!".

## "וְהָיְתָה לַה' הַמְּלוּכָה"

אויף דער זאך פון גאוה, רוח גבוה, איז נאר דא איין עצה, 'התקרבות לצדיקים'! און וואס איז 'התקרבות'? בעט דעם אויבערשטן!

---

[כח] ר' יחיאל היה חתנו של ר' נחמן טולטשינער.

[כט] עיין שם בשיש"ק אות תרנ"ב, ששמע אך שרבי נחמן משורר בנעימות ובהתלהבות זמירות שבת קודש כ'שלום עליכם', 'אשת חיל', 'אזמר בשבחין', ולרוב התעוררותו זלגו עיניו דמעות רבות, וכו' עיין שם.

(ר' נחמן: "אל תבואני רגל גאוה", ווייזט אויס, 'רגל גאוה' אפילו עפעס א ברעקל – א רגל פון גאוה!)
**דאס איז א געוואלד, דאס איז א געוואלד!**

אפילו אז די תורה גיט איינעם ממשלה, א מלכות, און יענער איז א מורד במלכות, אבער אים זאגט מען: "וְהָיְתָה לַה' הַמְּלוּכָה" - די מלוכה זאל זיין לה', נישט אזוי ווי אַן 'עבד למלאות תאוותו' - אזוי זאגט דער רבי אין תורה נ"ו[ל].

דאס איז צוויי בקיאות'ן; דער וואס קומט אריין צו דיר און ער איז א מורד במלכות - אים קומט מיתה. אבער דו זאלסט נעמען די מלוכה נאר לה', נישט 'כעבד למלאות תאוותו'. דאס וואס מען וועט יענעם דן זיין - דאס איז יענעמ'ס זאך. אבער דו - וואס איז דיין בקיאות? דיין בקיאות איז, מען האט דיר געגעבן א מלוכה - זאל עס זיין לה', נישט 'כעבד למלאות תאוותו'.

דער שולחן ערוך ברענגט אין יורה דעה אין הלכות כיבוד אב[לא], א טאטע זאל זיך נישט אויסניצן מיט קיין זין קיין זאכענישן. דער זוהן איז דאך מחוייב מיט כיבוד אב - דאס איז דער זון מחוייב, אבער כאטש דער זון מוז דאך פאלגן וואס דו וועסט אים זאגן, זאלסטו אים אבער נישט אויסניצן וועגן דיין תאוה וועגן, דאס איז א באזונדערע בקיאות פארן טאטן אויך.

אין יעדע מצוה וואס דער אויבערשטער גיט - די מצוה איז א מצוה, אבער דער שלימות פון דער זאך איז אז עס זאל נאר זיין לה'. וואס הייסט לה'? נאר 'בשביל כבודו

---

[ל] וזל"ש באותיות א' וב': כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּחִינַת מַלְכוּת, וְכָל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, כֵּן יֵשׁ לוֹ בְּחִינוֹת מַלְכוּת. יֵשׁ שֶׁהוּא שׂוֹרֵר בְּבֵיתוֹ, וְיֵשׁ שֶׁהוּא מוֹשֵׁל בְּיוֹתֵר, וְכֵן יֵשׁ שֶׁהוּא מוֹשֵׁל עַל כָּל הָעוֹלָם, כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינַת הַמַּלְכוּת שֶׁיֵּשׁ לוֹ ... וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד, לִבְלִי לְהִשְׁתַּמֵּשׁ עִם בְּחִינוֹת הַמַּלְכוּת שֶׁיֵּשׁ לוֹ לַהֲנָאָתוֹ וּלְצָרְכּוֹ. **שֶׁלֹּא תִּהְיֶה בְּחִינוֹת הַמַּלְכוּת אֶצְלוֹ כְּעֶבֶד לְמַלֹּאת תַּאֲוָתוֹ**, רַק שֶׁתִּהְיֶה בְּחִינַת הַמַּלְכוּת בִּבְחִינַת בֶּן חוֹרִין. בִּבְחִינַת (קֹהֶלֶת י): "אַשְׁרֵיךְ אֶרֶץ שֶׁמַּלְכֵּךְ בֶּן חוֹרִין", שֶׁהַמַּלְכוּת יִהְיֶה אֶצְלְךָ בֶּן חוֹרִין, לִבְלִי לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ לַהֲנָאָתְךָ ... כִּי אִם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בִּבְחִינוֹת (עֹבַדְיָה א): "וְהָיְתָה לַה' הַמְּלוּכָה". דְּהַיְנוּ לְהִשְׁתַּמֵּשׁ עִם הַמַּלְכוּת לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דְּהַיְנוּ לְהַזְהִיר וּלְהוֹכִיחַ אֶת כָּל הַנְּשָׁמוֹת שֶׁנִּכְנָעִים אֵלָיו, כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי בְּחִינוֹת הַמַּלְכוּת שֶׁיֵּשׁ לוֹ.

[לא] יו"ד סי' ר"מ, סעיף י"ט, וז"ל: אסור לאדם להכביד עולו על בניו ולדקדק בכבודו עמהם שלא יביאם לידי מכשול אלא ימחול ויעלים עיניו מהם שהאב שמחל על כבודו כבודו מחול. המכה לבנו גדול מנדין אותו שהרי עובר על לפני עור לא תתן מכשול.

יתברך'! אלץ איז דאך באשאפן געווארן נאר פאר זיין כבוד וועגן, דאס הייסט לה', טאמער לאז איך אפ דעם געדאנק, איז שוין נישט לה'.

## געפעלט אַן אות פון זיין נאמען

אין היינטיגן זוהר שטייט[לב]: ר' אבא און ר' חייא און ר' יוסי און ר' יצחק זענען געווען עפעס צוזאמען אין אַן אָרט דארטן - אין זוהר ציהט זיך אוועק פון די חידושי תורה דארטן א געוואלד. נאכדעם זענען זיי געקומען צו רבי שמעון'ען, האט רבי שמעון זיי מפליא געווען, ר' שמעון האט שוין געוואוסט וואס דארטן טוהט זיך ביי זיי - דאס גרויסקייט זייערע! ער זאגט דארטן[לג]: "איך זאל האבן א חלק מיט אייך 'דארטן'!" - אזוי זאגט רבי שמעון - אזוי גרויס האט ער געהאלטן פון די חידושי תורה וואס זיי האבן גערעדט דארטן - די פיר צדיקים, "זַכָּאָה חוּלָקִי דְעֵינַי חָמוּ דָא!" - א געוואלד - עפעס געוואלדיגע לשונות!

צום סוף ברענגט ער דארטן - ער זאגט, רבי יוסי האט זיך עפעס פארטראכט אין 'מילי דעלמא' (- לפי ערכם), האט זיך אנגערופן רבי שמעון[לד]: "יוסי, נחסר אות אחת משמך" - איין אות פעלט אין דיין נאמען. האט ער זיך באלד געגעבן א כאפ, ער האט זיך צוריק מדבק געווען דארטן אין השגות אלקות. זאגט ער: "רִבִּי יוֹסֵי, הַשְׁתָּא אַנְתְּ שְׁלִים".

איך האב גערעדט מיט ר' אלחנן (ספעקטור), וואס איז דאס דער 'אות אחת משמך'? ווארום רבי שמעון, אפילו זיינע תלמידים האט ער אנגערופן, ר' חייא, ר' אבא, ר' יוסי - קיינמאל האט ער נישט געזאגט 'יוסי', און דא האט ער געזאגט 'יוסי', ווייל דער רי"ש - דאס פעלט פון דיר; אז דו האסט אפגעלאזט דעם געדאנק פון השגות אלקות, פעלט דיר דער רי"ש - יוסי; אז ער האט זיך געגעבן א כאפ צוריק, איז שוין ר' יוסי.

---

[לב] ויקהל דף קצח.

[לג] שם דף רטו.

[לד] שם דף ריז:

מיר האבן עפעס א געפיל אין די תנאים?! - שרפים ואופנים האבן פאר זיי געציטערט! מיר האבן עפעס א געפיל וואס הייסט ביי זיי אפלאזן דעם געדאנק? ווי קען זיין אז אזא מענטש וואס איז מטייל דארטן אין די היכלות זאל אפלאזן? אבער לפי ערכם איז דארטן דא אַן ערך וואס דאס הייסט 'אפגעלאזט דעם געדאנק' - לפי ערכם. האט שוין רבי שמעון געזאגט: 'עס פעלט שוין אַן אות פון דיין נאמען!'.

דא פריער האלט ער אים אזוי גרויס - ר' יוסי - א געוואלד, ער ווינטשט זיך ער זאל האבן א חלק אין זיין גן עדן - אזעלכע געוואלדיגע לשונות מיט וואס רבי שמעון רימט זיך מיט זיי, און דא אז ער לאזט נאר אפ איין רגע - פעלט שוין אַן אות!

עס איז א געוואלדיגע זאך, א זאך פון א רגע, און דאס איז אינגאנצן; אינגאנצן דער מענטש איז נאר אז דער אויבערשטער העלפט אים אז ער האט א התקשרות צום אויבערשטן און ער לאזט נישט אפ דעם געדאנק, דאס איז אינגאנצן דער מענטש.

## "באיזה מדריגה נמוכה שהוא"

מען זעהט דאך, ביי תורה שטייט[לה]: "תּוֹרַת אֱמֶת". און ביי תפילה שטייט[לו]: "לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת". זעהט מען דאך אליז ארויס אז וואו מען גיט זיך א ריר - דאס חשיבות איז נאר 'אמת'.

ר' משה ברסלבער האט אמאל געפרעגט, עס שטייט דאך: "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו, לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת". איז 'קרוב ה' לכל קוראיו' איז דאך דער פשט - אלעמען, און 'לכל אשר יקראוהו באמת' - איז דאך שוין א פרט? נאר, דער אויבערשטער איז נאנט 'לכל קוראיו' - ווער ער איז, אבער איך וויל איין זאך פון דיר - עס זאל זיין מיט אַן אמת.

---

[לה] מלאכי ב, ו.

[לו] תהלים קמה, יח.

'לכל קוראיו' - איינער האט מער התעוררות און איינער ווינציגער התעוררות - איז דער אויבערשטער נאנט צו אים. נאר וואס דען, דו רעדסט מיט מיר - רעד מיט אַן אמת, 'לכל אשר יקראוהו באמת' - דאס וויל איך!

דער רבי זאגט אין תורה קי"ב[לז] - "באיזה מדריגה נמוכה שהוא", "באיזה מדריגה נמוכה שהוא" - וויבאלד עס איז נאר מיט אַן אמת! רעד צו מיר מיט אמת, צו דו וועסט האבן התעוררות - צו דו וועסט נישט האבן התעוררות.

דאס אייגענע איז 'תורת אמת' אויך; די תורה איז דאך אמת, אז דער געדאנק איז צום אויבערשטן, דאס איז דאך דער גרעסטער אמת, אבער אז עס כאפט זיך אריין אַן אנדער געדאנק, איז שוין נישט קיין אמת.

## פארשעמט דעם בעל תפילה פאר 'כל נדרי'

איך האב געזעהן אין "שבחי הבעל שם טוב"[לח], ר' דוד פורקעס - ער איז געווען דער בעל תפילה פון ימים נוראים - דער חזן - ביים בעל שם הקדוש אין מעזיבוזש. ער

---

[לז] וזל"ש: "וְהָעִקָּר, שֶׁבִּתְפִלָּתוֹ וּתְחִנָּתוֹ וּבַקָּשָׁתוֹ, אַף עַל פִּי שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לְדַבֵּר שׁוּם דִּבּוּר בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים, מִגֹּדֶל הַחשֶׁךְ וְהַבִּלְבּוּל הַמְסַבֵּב אוֹתוֹ מְאֹד מְאֹד מִכָּל צַד, אַף עַל פִּי כֵן, עַל כָּל פָּנִים יִרְאֶה לְדַבֵּר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת, **בְּאֵיזֶה מַדְרֵגָה נְמוּכָה שֶׁהוּא**. כְּגוֹן לְמָשָׁל, שֶׁיֹּאמַר: "ה' הוֹשִׁיעָה", בֶּאֱמֶת. אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְדַבֵּר בְּהִתְלַהֲבוּת וְהִתְעוֹרְרוּת כָּרָאוּי, אַף עַל פִּי כֵן יֹאמַר הַדִּבּוּר בֶּאֱמֶת, כְּפִי מַה שֶּׁהוּא. וְעַל יְדֵי הַדִּבּוּר הָאֱמֶת, יִזְכֶּה לִרְאוֹת הַפְּתָחִים שֶׁבְּתוֹךְ הַחשֶׁךְ, וְעַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לָצֵאת מֵחשֶׁךְ לְאוֹר, וּלְהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי, וְכַנַּ"ל. (וְעַיֵּן לְעֵיל כָּל זֶה בְּהַתּוֹרָה תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ בְּסִימָן ט')".

[לח] זה לשונו שם: סיפרו לי איך שפ"א ביום הכיפורים בהשכמה לא בא הבעש"ט לבית המדרש כפי המנהג ביה"כ להתפלל בהשכמה. והיה שוהה עד בוש על היום והמתינו עליו מלהתפלל ואח"כ בא וישב על מקומו והיה ראשו על הסטענדר מקים ראשו ומניח ראשו מקים ומניח כמה פעמים. ואח"כ רמז שילכו להתפלל לפני התיבה ובא ר' דוד הנ"ל להתפלל כי הוא היה מתפלל בימים נוראים וכשבא סמוך לתיבה התחיל הבעש"ט לבזותו בפני כל עם ועדה ואמר בזה הלשון. זקן אשמאי היכן אתה הולך וביזה וגינה אותו ערך חצי שעה והיה רוצה לחזור ולילך מן העמוד כי היטב חרה עד מאוד כי אמר שמא ח"ו ראה בי דבר מגונה. וגער עליו ואמר. עמוד והתחיל להתפלל ובכה ולא היה יודע מה שהוא מדבר רק שצעק ובכה כי שבר לבו מאוד. ואח"כ במוצאי יה"כ הלך ר' דוד מ"מ ז"ל אל הבעש"ט ואמר לו רבינו מה ראית בי דבר מגונה ח"ו ענה ואמר ח"ו לא ראיתי בך כלום רק באשמורת ראיתי להס"מ על הדרך מקום שהתפילות הולכים לקבל כל התפילות ח"ו. ואמרתי בלבי למה אלך להתפלל ולמסור לו התפילות ח"ו וע"כ שהיתי מלהתפלל. ות"ל פניתי דרך אחד שילכו התפלות בזו הדרך ולא יוכל

ליגט אין בארדיטשוב לעבן דעם בארדיטשובער רב. איז געווען דארט - דא איז דער עמוד, און דא איז געווען דעם בעל שם הקדוש'ס שטאט (- זיץ) אויסגעשניטן. היינט ווייס איך נישט, אבער בשעת איך בין געווען אין מעזיבוזש, האב איך עס נאך געזעהן. מען האט נישט געקענט דארטן צוגיין, א שטיק האלץ איז געווען, אז מען זאל נישט קענען דארט צוגיין.

בשעת דער בעל תפילה האט געדאוונט, איז ער געשטאנען לעבן דעם בעל תפילה, ממילא איז זיין ארט געווען באלד לעבן דעם עמוד. פארשטייט מען דאך וואספארא מין פחד איז געווען אויף דעם בעל תפילה אז דער בעל שם הקדוש איז געשטאנען לעבן אים.

איז געווען אמאל פאר כל נדרי, איידער ער איז צוגעגאנגען, האט ער זייער מגנה געווען דעם ר' דוד פורקעס, גערעדט אזוי, ער האט אים צובראכן אז א געוואלד, און נאכדעם איז ער צוגעגאנגען. דער בעל שם הקדוש איז בכלל דאך געווען זייער א גוטער מענטש און א רחמן א גרויסער, אזא צדיק איז דאך אזא רחמן, ער האט דאך געוואוסט ווער זיי זענען, ער האט דאך אלע צדיקים געקענט.

## דעם אויבערשטנ'ס אונטערשריפט

למאי נפקא מינה? למבעי רחמי! א מענטש דארף אסאך בעטן דעם אויבערשטן אז וואס ער טוהט עפעס א זאך זאל די זאך זיין מיט א שלימות! דער שלימות פון די זאך איז נאר אמת - לערנען זאל מען פארן אויבערשטן - נישט פאר קיינעם; אז ער גיט עפעס צדקה זאל ער זיך אויך היטן ווי ווייט ער קען אז עס זאל נאר זיין פארן אויבערשטן אליין; תפילה - פארן אויבערשטן אליין! אט דאס איז דער אמת - דער גרעסטער אמת איז דאס, דער 'חותם של הקדוש ברוך הוא' איז אמת[לט], דער אויבערשטער חתמ'ט אים אונטער.

---

לאחוז בהם וע"כ יראתי פן ח"ו יכנוס בלבך ויקלקל ח"ו הדבר ושברתי את לבך בכדי שלא יהיה בך שום מחשבה זרה בלבך ואח"כ צויתי לך להתפלל.

[לט] גמ' שבת נה.

פונקט אזוי ווי אז איך וועל אנשרייבן א שטר אז דו ביסט מיר שולדיג אסאך געלט - האט דען דער שטר עפעס א ווערד?! אז דער לווה וועט חתמ'ענען אונטן, דעמאלט איז דאס ריכטיג, דעמאלט ווייס איך אז דער לווה קומט געלט, אבער אז דו כאפסט אָן אז דער לווה איז דיר שולדיג געלט - ווער-וואס? דער עיקר איז דאך די חתימה, דאס איז דער עיקר שטר, דאס איז דער עיקר ווערד.

דער חותם פון דעם אויבערשטן איז אמת, אויב דאס איז מיט אמת - איז דאס די חתימה פון דער זאך. 'חותמו של הקדוש-ברוך-הוא הוא אמת' - איז דער פשט, ביי יעדע עובדא, ביי יעדע זאך וואס א מענטש טוהט, אפילו ער רעדט עפעס א דיבור דארטן - דער חותם פון אויבערשטן איז אמת; איז עס מיט אמת? האט דאס דער אויבערשטער ליב - קרוב ה'.

"תועבת ה' כל גבה לב" - א 'גבה לב' האט דער אויבערשטער פיינט, "אותו לא אוכל" - 'איך קען אים גארנישט פארליידן', "אין אני והוא" - 'איך קען גארנישט זיין מיט אים צוזאמען' - אזוי זאגט דער אויבערשטער.

## דער אויבערשטער איז מיר גענוג!

דער רבי זאגט: "והעצה היעוצה לבטל הגאוה". ווייזט אויס, דאס איז אזא מין עצה וואס די צדיקים האבן שוין גערעדט דערפון - אַן 'עצה היעוצה' - נאר התקרבות לצדיקים, דעמאלט האט ער דעם רוח הצדיק ארייניצובלאזן אין אים, וואס דורך דעם קען ער ארויסטרייבן דעם 'רוח גבוה'.

דער רבי זאגט אין תורה י"א[מ]: דער שם שד"י איז - 'שיש די באלקותו לכל בריה', ער וויל נישט קיין אנדערע זאך. וואס איז עבודה זרה? ער באגענוגנט זיך נישט מיט

---

[מ] אות ג', וזל"ש: **שַׁדַּי הוּא בְּחִינַת 'שֶׁיֵּשׁ דַּי בֶּאֱלֹקוּתִי לְכָל בְּרִיָּה'** (כַּמּוּבָא בְּפֵירַשִׁ"י לֶךְ לְךָ יז). **וּכְשֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵר הַבְּרִית, הַיְנוּ עַל יְדֵי גֵּאוּת, הוּא עוֹשֶׂה לְעַצְמוֹ עֲבוֹדַת אֱלִילִים, הוּא מַרְאֶה שֶׁאֵין דַּי לוֹ בֶּאֱלֹקוּתוֹ, עַד שֶׁצָּרִיךְ עֲבוֹדַת אֱלִילִים, וְעַל כֵּן פּוֹגֵם בְּשַׁדַּי, שֶׁיֵּשׁ דַּי בֶּאֱלֹקוּתוֹ לְכָל בְּרִיָּה**, עכ"ל. [ועיין מה שכתוב על זה בליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, אות ח', וז"ל שם: כִּי שַׁדַּי עַל שֵׁם 'שֶׁיֵּשׁ דַּי בֶּאֱלֹקוּתוֹ לְכָל בְּרִיָּה' שֶׁזֶּהוּ הֵפֶךְ הַגַּדְלוּת כַּמְבֹאָר בְּהַתּוֹרָה "אֲנִי ה' הוּא שְׁמִי", עַיֵּן שָׁם. **וּלְהַמְתִּיק הָעִנְיָן יוֹתֵר**, כִּי בֶּאֱמֶת תַּכְלִית הָאָדָם שֶׁיָּבֹא לְתַכְלִית הַבִּטּוּל בֶּאֱמֶת עַד שֶׁיִּהְיֶה אַיִן מַמָּשׁ, דְּהַיְנוּ שֶׁיִּזְכֶּה לְשַׁבֵּר הַגַּדְלוּת לְגַמְרֵי עַד שֶׁיִּזְכֶּה לַעֲנָוָה אֲמִתִּיִּית שֶׁל מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁמְּלֻבָּשׁ בְּכָל אֵבֶר וְאֵבֶר. וְאָז זוֹכֶה לִחְיוֹת חַיִּים

**דעם אלקות, אט דאס הייסט עבודה זרה. און וואס הייסט שם שד"י? דער שם שד"י איז, 'שיש די באלקותו לכל בריה'. אבער דורך גיאות, זאגט דער רבי, מאכט ער זיך אַן עבודה זרה, ער ווייזט דאך 'שאין די לו באלקותו', ווייל אז דער אויבערשטער איז דיר געגוג - וואס ווילסטו נאך?! - דאס איז דאך געוואלדיגע לשונות!**

**דאס איז דער שם שד"י - איך באגענוגן זיך מיטן אויבערשטן! דער אויבערשטער איז מיר געגוג - ביים דאווענען, ביים לערנען, איך באגענוגן זיך מיטן אויבערשטן!**

**די דיבורים וואס מיר רעדן - דעם רבי'נס דיבורים, איז נאר אז מען זאל עס אויסרעדן פאר השם יתברך - 'פארוואס זאל איך וועלן אַן אנדערע זאך חוץ דיר?! איך דארף נאר וועלן וואס דו ווילסט - און דו האסט דאך עס פיינט!' - גאוה האט דאך דער אויבערשטער פיינט, "גבה עינים - אותו לא אוכל", "אין אני והוא יכולין לדור יחד", "כל המתגאה כאילו עובד עבודה זרה", "הקדוש ברוך הוא שונא אותה" - 'אז דו האסט עס פיינט - פארוואס זאל איך עס וועלן?!'**

**דער אויבערשטער האט אויך א נחת רוח ווען מען בעט אים די ווערטער, ווארום עס איז א חשוב'ע תפילה, נישט אלע רעדן די דיבורים, עס איז א חשוב'ע תפילה דאס.**

(ר' נחמן: ר' אברהם [שטערנהארץ] האט געזאגט אז עס איז געווען פון טשעהרינער רב א גאנצער ביאור אויף די תורה - א גאנצער ספר בכתב יד אויף תורה י')

---

נִצְחִיִּים לִהְיוֹת נִכְלָל בּוֹ יִתְבָּרַךְ לְהִתְעַנֵּג עַל ה' שֶׁהוּא הָאשֶׁר הַמְקֻוֶּה אֲשֶׁר עַיִן לֹא רָאֲתָה וְכוּ'. וְזֶהוּ בְּחִינַת שַׁדַּי שֶׁיֵּשׁ דַּי בֶּאֱלֹקוּתוֹ לְכָל בְּרִיָּה, הַיְנוּ שֶׁאֵינְךָ צָרִיךְ עוֹד שׁוּם דָּבָר אַחֵר, כִּי אֵינְךָ צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לְךָ שׁוּם תַּעֲנוּג וַאֲחִיזָה בְּאֵיזֶה גַּשְׁמִיּוּת וְיֵשׁוּת כְּאִלּוּ צָרִיךְ לְךָ עוֹד ח"ו, אֵיזֶה דָּבָר אַחֵר חוּץ מֵאֱלֹקוּתוֹ ח"ו, חָלִילָה לְךָ מִזֶּה, כִּי בֶּאֱמֶת יֵשׁ דַּי בֶּאֱלֹקוּתוֹ לְכָל בְּרִיָּה. וְאֵינְךָ צָרִיךְ עוֹד שׁוּם דָּבָר אַחֵר כְּלָל, כִּי מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ עֲדַיִן אֵיזֶה אֲחִיזָה בְּאֵיזֶה גַּסּוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת גַּשְׁמִיּוּת וְיֵשׁוּת, שֶׁהוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי תּוֹעֲבַת ה' כָּל גְּבַהּ לֵב. נִמְצָא נֶחֱשָׁב כְּאִלּוּ בּוֹחֵר לוֹ אֵיזֶה דָּבָר אַחֵר חוּץ מֵאֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ וְעַל כֵּן בֶּאֱמֶת אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה ד'), כָּל הַמִּתְגָּאֶה כְּאִלּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה. וְעַל כֵּן הַהֵפֶךְ מִזֶּה שֶׁהוּא עֲנָוָה אֲמִתִּיִּית, הוּא בְּחִינַת שֵׁם שַׁדַּי שֶׁיֵּשׁ דַּי בֶּאֱלֹקוּתוֹ לְכָל בְּרִיָּה, כִּי כְּשֶׁאֵין בּוֹ שׁוּם גַּסּוּת וְהוּא מְבַטֵּל כָּל הַהַרְגָּשׁוֹת בְּתַכְלִית הַבִּטּוּל כְּאִלּוּ הוּא אַיִן מַמָּשׁ וְאֵין לוֹ שָׁם תַּעֲנוּג וְחִיּוּת כִּי אִם חִיּוּת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ וְזֶה דַּי לוֹ וְאֵין צָרִיךְ יוֹתֵר, **כִּי יֵשׁ דַּי בֶּאֱלֹקוּתוֹ לְכָל בְּרִיָּה שֶׁיֵּשׁ דַּי עֹנֶג וְשִׂמְחָה וְחִיּוּת אֲמִתִּי וְנִצְחִי בֶּאֱלֹקוּתוֹ לְבַד יִתְבָּרַךְ וְאֵין צְרִיכִין שׁוּם דָּבָר אַחֵר כְּלָל, רַק לִהְיוֹת אַיִן מַמָּשׁ וּלְהִתְעַנֵּג עַל ה' לְבַד כַּנַּ"ל, אַשְׁרֵי הַזּוֹכֶה לָזֶה!** עכ"ל. עיין עוד שם בפנים].

**דער רבי האט א זאג געגעבן: "איך האב אין אייך אסאך אמת אריינגעבראכט!"**[מא] אז עס כאפט זיך אריין עפעס א 'רוח גבוה', איז עס שוין נישט קיין אמת.

נישט זיך גרויסן אין דאווענען, אין לערנען, אין א דבר מצוה; וואו מען גיט זיך א ריר, דער חינוך פון קינדער דארף אויך זיין מיט אַן אמת - עס זאל נאר זיין לה'[מב].

[מא] עיין חיי מוהר"ן אות תקל"ח: אָמַר עַל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁקָּשֶׁה לָהֶם שֶׁיָּרִימוּ אֶת עַצְמָן לְהַנְהִיג בְּרַבָּנוּת וְהִתְנַשְּׂאוּת מֵחֲמַת **שֶׁהִכְנַסְתִּי בָּהֶם אֱמֶת הַרְבֵּה יוֹתֵר מִדַּי.**

[מב] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות ע"ה: פעם אחת אמר מוהנ"ת: "תועבת ה' כל גבה לב" (משלי טז, ה) - ודחק תיבת **'כל'**, היינו לרבות אפילו כשעוסק ועובד את ה' בתורה ותפלה.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

ברכת מזל טוב חמה ומיוחדת לחברינו

מו"ה **יואל הלוי יוזשעף** הי"ו

ירושלים

לרגל נישואי בתו למזל טוב

מאת: ר' יוסף מענדל האס, וחברי המערכת

מו"ה **שאול יחזקאל פערלשטיין** הי"ו

מאנסי

לרגל הולדת הבת למזל טוב

מו"ה **משה יצחק שטיינער** הי"ו

מאנסי

לרגל אירוסי בנו החה"ח **אברהם יהודה** ני"ו למזל טוב

מו"ה **ליפא לעווי** הי"ו

מאנסי

לרגל הולדת בנו למזל טוב

מו"ה **ישראל נחמן שימאנאוויטש** הי"ו

קרית יואל

לרגל הכנסת בנו כמר **יום טוב** ני"ו לעותומ"צ ולמזל טוב

מו"ה **מנחם דוד לאנדא** הי"ו

וויליאמסבורג

לרגל נישואי בתו עם החה"ח כמר מענדל הערש יצחק פאלקאוויטש ני"ו למזל טוב

החתונה תתקיים ברצו"ה יום ד' בשלח באולם כתר רייזל

בקשו רחמים מרובים עבור האברך **אלטר נפתלי בן ציון** בן **מינדל** לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים